אידיש

# נַפְשִׁי יְשׁוֹבֵב

מתוך שיעורי תורת הנפש ע"י הגה"צ ר' יהושע נתן פייפער שליט"א, אבד"ק ברכת מנחם

גליון ח'

# א פייער וועקט אויף די באהאלטענע כוחות

## תוכן הענינים:

**די סאב-קאנשעס איז זייער שטארק** - מען קען נישט באזיגן דעם סאב-קאנשעס מיט שכל'דיגע דיבורים - **ווען א זאך איז אריין אין סאב-קאנשעס איז עס נאכנישט לאחר היאוש** - אונטער דעם סאב-קאנשעס איז דא די אינערליכע כוחות פון א איד - **יעדער מענטש קען אויפוועקן ביי זיך זיינע באהאלטענע כוחות** - די פארטונקלטע כוחות און די ליכטיגע כוחות - **ווען עס ברענט א פייער האט יעדער ליב זיין קינד** - אברהם אבינו האט אויך ליב ישמעאל - **מען קען זיך שטארקן איבער'ן סאב-קאנשעס דורך די טיפסטע כוחות אינעם מענטש**

## אריינפיר

מיר האבן אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע גליונות ווי אזוי דער מענטש ווערט אויסגעבויט פון די יונגע יארן צו טראכטן און פילן אויף א געוויסע וועג, און דאס גייט אריין טיף הינטער'ן באוואוסטזיין, עד כדי כך אז דער מענטש ווייסט ניטאמאל פארוואס ער פילט עס. נאכמער, נישט קיין חילוק וויפיל מען וועט אים מסביר זיין מיט'ן שכל אז ער דארף טוישן זיין מהלך המחשבה אדער זיין התנהגות, וועט עס נישט העלפן, ווייל דער שכל מיט וואס א מענטש טראכט, קען נישט אנקומען אזוי ווייט אין מוח.

מיר האבן אויסגעשמועסט לויט דעם ווי אזוי עס שאפט זיך א טראומא אדער אן אומלאגישע פחד ביים מענטש. אויב עס איז אריין אין דעם מוח אין די יונגע יארן אז "פון דעם דארף מען מורא האבן", דאן וועט נישט העלפן קיין שום הסברים צו אויסרייסן דעם פחד, ווייל עס איז טיפער ווי דער מחשבה.

דאס קען חלילה ברענגען א יאוש. אויב עס איז טאקע אזוי אז דער מענטש ווערט אויסגעבויט פון א יונגער עלטער ווי אזוי צו טראכטן און פילן, און קיין שום הסברים העלפן נישט שפעטער, ווי אזוי קען זיך א מענטש ארויסדרייען פון זיינע שווערינקייטן? צו איז טאקע נישטא קיין האפענונג פאר אים?

## ער וויל יא אדער ער וויל נישט?

עס איז דא א באקאנטער רמב"ם אין הלכות גירושין (פרק ב הלכה כ) אז א מענטש וואס דארף געבן פאר זיין פרוי א גט, און ער וויל נישט, כאטש על פי הלכה דארף ער אים געבן, איז "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני", אזוי ווי ווען מען צווינגט א מענטש צו ברענגען א קרבן וואס ער איז מחוייב, קען מען אים צווינגען צו געבן א גט. דער רמב"ם זאגט נאך א שטערקערע לשון, "מכין אותו", **מ'שלאגט אים איינמאל און נאכאמאל**, און מ'צווינגט אים ביז ער זאגט "**רוצה אני**". און ווען ער זאגט "רוצה אני", **אה, יעצט גייט ער געבן א גט פאר זיין פרוי!**

דא שטעלט זיך די הארבע שאלה, **מ'קען דאך נישט צווינגען א מענטש צו געבן א גט?** א געצווינגענע גט איז נישט קיין גט! זאגט דער הייליגער רמב"ם, ס'איז נישט בעל כרחו, ער האט קלאר געזאגט "**רוצה אני**", ער האט געזאגט "איך בין מסכים". איי, **ער זאגט דאך נאר אז ער איז מסכים ווייל דו האסט אים געגעבן פעטש**? דאס הייסט מסכים געווען?

זאגט דער רמב"ם וזה לשונו הזהב: "זה שאינו רוצה לגרש, מאחר שהוא רוצה להיות מישראל, רוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות, ויצרו הוא שתקפו, וכיון שהוכה עד שתשש יצרו ואמר רוצה אני, כבר גרש לרצונו." - דער וואס וויל נישט מגרש זיין, וויבאלד ער וויל זיין א חלק פון די אידן, וויל ער טון אלע מצוות און זיך דערווייטערן פון עבירות, **נאר דער יצר האט זיך געשטארקט איבער אים**, און ווי נאר **מען האט אים געשלאגן ביז זיין יצר איז אפגעשוואכט געווארן** און ער האט געזאגט '**איך וויל**', האט ער מגרש געווען פון זיין אייגענעם ווילן.

די בעלי מוסר נעמען ארויס א מורא'דיגע לימוד פון דעם רמב"ם. דא שטייט אז ביי יעדן איד איז דא באהאלטן א הייליגע נשמה, וואס וויל טון דעם רצון השם. יעדער איד ווערט באשאפן מיט דעם, ער ווערט געבוירן מיט דעם, און דאס בלייבט טיף באגראבן אין זיין הינטער'ן באוואוסטזיין. דארט ליגט דער "**פנימיות'דיגער איד**" ווי די ספרים רופן עס אן, וואס דארט וויל ער עכט טון דעם רצון השם.

נאר וואס דען? יעצט האט ער אין זיין חלק מוח אלע מיני חשבונות: "איך וויל נישט געבן דעם גט, איך וויל נישט פאלגן חז"ל, איך וויל אהער, איך וויל אהין". אין זיין קאפ טראכט ער מחשבות אז ער וויל נישט געבן א גט, ווייל ער האט נגיעות דערצו, דעריבער דארף מען אים שלאגן כדי צו פארטרייבן די **נגיעות וואס קומט פונעם יצר הרע**. אבער ווען מ'שלאגט אים און ער זאגט "יא", זאג איך, די **"יא"** איז אן עכטע **"יא"**, ווייל אין זיין **נשמה** איז איז עס טאקע **"יא"**.

פון דעם זעען מיר אז **ביי א איד איז דא א טיפערע סאב-קאנשעס, וואס דארט וויל ער בלויז טון גוטס**, און דאס איז זיין אמת'ע מהות. אפילו אויב דער איד האט זיך א גאנץ לעבן געפירט ליידער נישט ווי עס דארף צו זיין, און עס דאכט זיך אים אז ער האט שוין גענצליך אויסגעריסן יעדעס ביסל ערליכקייט, זאגן אונז חז"ל אז דאס איז נישט ריכטיג. באמת וויל ער יא פאלגן דעם רבונו של עולם, ער וויל פאלגן די חכמים, און ווען ער זאגט **"רוצה אני"** מיינט ער עס מיט אן ערנסטקייט.

## דער נידריגסטער איד איז גרייט אויף מסירת נפש

דאס זעלבע זעען מיר אז במשך די דורות זענען געווען גאר שוואכע אידן וואס האבן ליידער עובר געווען אויף די תורה, אבער ווען עס איז געקומען די מינוט וואס מען האט זיי געוואלט פירן צום שמד, האט זיך דאס **פינטעלע איד** פלוצלינג אויפגעוועקט, און זיי האבן באקומען אן אויסטערלישע גבורה זיך צו **שטארקן און באזיגן דעם יצר הרע**.

מען זעט שוין אין מדרש (בראשית רבה פרשה סה) די מעשה פון יוסף משיתא, א איד וועלכער איז נעבעך געפאלן אזוי נידריג, אז ווען די רוימער האבן איינגענומען דעם בית המקדש און זיי האבן געוואלט ארויסנעמען די מנורה, האבן זיי מורא געהאט אליין אריינצוגיין עס נעמען, און דער איינציגער איד וואס האט מסכים געווען אריינצוגיין נעמען די הייליגע מנורה און עס איבערגעבן פאר די גוים, איז געווען יוסף משיתא. דערציילט דער מדרש אז ווען יוסף משיתא איז ארויסגעקומען, האבן אים די רוימער אים געוואלט אריינשיקן צום צווייטן מאל, אבער דאס מאל האט ער זיי אפגעזאגט. די רוימער האבן אים צוגעזאגט כל הון דעלמא, אבער ער האט נישט צוגעשטימט. **זיי האבן אים געפייניגט מיט די ערגסטע עינויים קשים, אבער ער האט בשום אופן נישט מסכים געווען, און איז אויסגעגאנגען על קידוש ה'!**

עס לאזט זיך נישט פארשטיין. מען רעדט דא פון א איד וואס האט שוין נעבעך גארנישט געשפירט. ער האט געהאט די העזה אריינצוגיין אין בית המקדש און ארויסנעמען די גאלדענע מנורה וואס דער כהן גדול האט געצינדן דערין יעדן טאג. **דאס איז געווען א שריט וואס אפילו די גוי'אישע רוימער האבן געציטערט דאס צו טון!** אבער יוסף משיתא האט דאס ליידער יא געטון. מיט דעם אלעם, עטליכע מינוט שפעטער, איז **דער זעלבער איד** געווען גרייט צו ליידן ביטערע יסורים כדי דאס נישט צו דארפן טון נאכאמאל. **וואס איז פשט?!**

דער תירוץ איז אז יוסף משיתא האט אפשר געמיינט אז ער האט גענצליך אויסגעריסן יעדעס ביסל הייליגקייט פון זיך. אבער ווען ער איז פאקטיש אריין אין בית המקדש און ארויסגענומען די מנורה, האט אים אנגעכאפט אזא ציטער, אז עס האט זיך **ערוועקט אין אים זיין באהאלטענע אידישע נשמה**, און איינמאל דאס איז ארויסגעקומען האט ער שוין בשום אופן נישט מסכים געווען אריינצוגיין נאכאמאל, אפילו אויב ער האט געדארפט דורכגיין די גרעסטע יסורים.

רבותי! דער איד איז שטערקער ווי די טיפסטע סאב-קאנשעס, ווייל אין זיין **אמת'ע טיפסטע סאב-קאנשעס** איז דא א דערהויבענע נשמה וואס שטרעבט אויף העכערס, און דאס געט דעם מענטש די כח צו איבערקומען אפילו זאכן וואס זענען געווארן איינגעקריצט אין מוח פון יונגערהייט אן.

דאס זעלבע קען מען זען היינטיגע צייטן, ביי מענטשן וואס פאלן ליידער אריין אין גאר שווערע נסיונות, **ווי למשל זיי ווערן צוגעבינדן צו אלקאהאל וכדומה**, עד כדי כך אז עס העלפט נישט קיין שום טענות ומענות, עס זעט אויס ווי זיי האבן גענצליך פארלוירן קאנטראל איבער זיך. און דאן, מיטאמאל, געבן זיי זיך א וועק אויף, און מאכן פּאַ אז **"דאס איז עס! איך גיי מיך מער נישט לאזן!"** און אזוי מיט די ציין און נעגל קריכט מען ארויס פון דעם טיפסטן שאול תחתית. **פון וואו נעמט מען אט דעם כח?** דאס איז דער פינטעלע איד!

## א איד קען איבערקומען זיין סאב-קאנשעס

ממילא, די ערשטע זאך וואס א מענטש דארף וויסן, איז אז **ער האט די יכולת איבערצוקומען זיין סאב-קאנשעס**, ווייל באמת, טיף טיף, איז זיין קאנשעס מוח און זיין סאב-קאנשעס מוח פאראייניגט. נאר משום איזה סיבה האט זיך אריינגעזעצט אין מוח עפעס א טעות, און אויב וויל ער עס פאררעכטן דארף מען זען צוריקצוברענגען דעם אריגינעלן מוח וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען.

עס שטייט אין גמרא: "מחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה, מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה". **ווען א איד האט א גוטע מחשבה צו טון א גוטע זאך**, אפילו ער האט עס למעשה נישט געטון, פאררעכנט דער אויבערשטער **ווי מען וואלט געטון די מצוה**. אבער ווען א איד האט חלילה א מחשבה צו טון אן עבירה, ווערט עס נאכנישט פאררעכנט ווי אן עבירה ווילאנג מען האט עס נישט אויסגעפירט למעשה.

עס שטעלט זיך די שאלה, אויב א מחשבה ווערט גערעכנט ווי א מעשה, וואלטן ביידע געדארפט פאררעכנט ווערן ווי א מעשה, און אויב נישט, וואלטן ביידע סארטן מחשבות נישט געדארפט פאררעכנט ווערן ווי א מעשה. וואס איז פשט דערפון אז מען רעכנט נאר א מחשבה טובה ווי ער וואלט עס אויסגעפירט למעשה?

זענען די ראשונים מסביר, זייער פשוט. יעדער איד וויל באמת טון גוטס. ממילא ווען ער האט א מחשבה צו טון עפעס גוטס, איז דאס ווירקליך אן אמת'ע רצון וואס ער וויל אויספירן, און אויב האט ער עס נישט אויסגעפירט למעשה, מוז זיין אז עס איז אונטערגעקומען עפעס א זייטיגע שוועריגקייט וואס האט אים נישט ערמעגליכט צו אויספירן זיין רצון. מה שאין כן ביי א מחשבה רעה, **איז ברור כשמש אז דער איד וויל דאס נישט באמת טון**, ממילא אויב האט ער עס נישט אויסגעפירט איז עס נישט געווען צוליב עפעס א זייטיגע סיבה, נאר זיכער האט זיין אמת'ע טיפע רצון זיך מתגבר געווען אז ער זאל נישט אויספירן דעם דבר רע.

אין אנדערע ווערטער, מען מאכט נישט קיין חילוק צווישן א מחשבה רעה און א מחשבה טובה, נאר מען מאכט א חילוק צווישן א מחשבה וואס שפיגלט אפּ אן "**עכטע**" רצון און א מחשבה וואס איז סך הכל א "**פאלשע**" רצון. א מחשבה רעה איז נישט עכט דער איד, ווייל עס איז נישט אריינגעבויט אין אים. אריינגעבויט איז נישט דא קיין שלעכטע מחשבה. אבער **די מחשבה שטעלט פאר דעם אמת'ן עכטן מענטש**.

## באהאַלטענע כוחות און לעבטיגע כוחות

**צענדליגער יארן בעפאר די פסיכאלאגן** זענען אויפגעקומען מיט דעם געדאנק פון א סאב-קאנשעס מוח, טרעפן מיר שוין אקוראט דעם זעלבן געדאנק, מיט פיל מער קלארקייט, אויף א תורה'דיגן צוגאנג, אין דעם ספר אור ישראל פון דעם מייסד פון דער מוסר באוועגונג, הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל. רבי ישראל סאלאנטער רופט עס נישט אן "**קאנשעס מיינד**" און "**סאב-קאנשעס מיינד**", ער רופט עס אן "כוחות כהים" - **פארטונקלטע כוחות**, און "כוחות בהירים" - **לעכטיגע כוחות**.

רבי ישראל סאלאנטער איז מסביר אז יעדער מענטש האט ביי זיך **אפענע, לעכטיגע כוחות**, וואס יעדער איינער קען זען מיט א קלארקייט. דאס זענען די כוחות פון וואס דער מענטש ווייסט אז ער פארמאגט עס. ווידער זענען דא **באהאלטענע, פארטונקלטע כוחות**, וואס זענען באהאלטן טיף אין דעם מענטש, עד כדי כך אז **ער ווייסט אפילו נישט אז עס געפינט זיך אין אים**, ביז עס קומט אן א ליאדע מינוט און די פארבארגענע כוחות שווימען ארויף אויפ'ן אויבערפלאך.

## דער זון פארשאפט נישט קיין נחת

רבי ישראל סאלאנטער שרייבט, אין זיין מאמר "פרי עץ", אז ער האט מיטגעהאלטן א מורא'דיגע מעשה.

ס'איז געווען א **געלונגענער שניידער**, א פאכמאן, וואס האט געהאט ביי זיך א תלמיד, א שולי' דנגר', וועמען ער האט אויסגעלערנט דעם פאך פון שניידעריי. אמאל איז נישט געווען אזוי ווי היינט, ווען מ'גייט צו קורסעס און מען לערנט זיך; א רבי האט געהאט איינעם מיט זיך וועלכער האט אים ארויסגעהאלפן מיט דער ארבעט און גלייכצייטיג זיך געלערנט דעם פאך. דער תלמיד האט זיך געלערנט צו זיין א שניידער, און ער האט דעריבער **געוואוינט ביים שניידער אין שטוב פאר אפאר חדשים** זיך אויסצולערנען די פאך.

דער תלמיד איז געווען מורא'דיג געלונגען, און ער האט אויפגעכאפט די פאך מיט א געוואלדיגע קלארקייט, דער רבי האט זיך געשפירט ווי ער האט צו וועמען צו רעדן, **ער האט איינער וואס פארשטייט אים, ער האט איינער וואס ער גיט אים איבער זיין פאך מיט אלע פיטשעווקעס, און זיינע אלע פאטענטן גייט האבן א המשך.** דאס האט אים געגעבן גאר א גוטע געפיל אז זיין הארעוואניע פון לאנגע יארן גייט גיין ווייטער, און ער איז געווען מורא'דיג נאנט מיט אים, איש אשר כלבבו, מ'האט זיך זייער גוט פארשטאנען.

דער זעלבער פאכמאן האט געהאט אינדערהיים א זון וואס האט נישט געהאלטן ביי גארנישט. דער זון איז געווען פויל, **געשלאפן א גאנצן טאג, געהוליעט א גאנצע נאכט**, און ער האט נישט געהאלטן ביים ארבעטן. דער טאטע האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, ער האט זייער שטארק געוואלט איבערגעבן די קונצן פון דעם פאך פאר זיין אייגענעם קינד, אבער ס'איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן, **דער יונג האלט נישט ביים טון גארנישט.** דער טאטע האט זיך כסדר געקריגט מיט אים און פרובירט צו מאכן עפעס א לייט פון אים, אבער אומזיסט. דער טאטע האט געהאט מורא'דיגע צער פון דעם אז זיין קינד וואקסט אויס א ליידיגייער, און **פון גרויס ווייטאג האט ער אים ממש נישט געוואלט קענען.** דער טאטע מיט'ן זון האבן נישט געהאט קיין שום שייכות, אבער דער זון האט געוואוינט דארט אינדערהיים.

## וואס טוט מען ביי א פייער

"ויהי בחצי הלילה", ס'איז געווען איינמאל אינמיטן די נאכט, ווען דער טאטע, דער שניידער, האט זיך געגעבן א וועק אויף אינמיטן טיפסטן שלאף. ער שפירט ווי אן אומדערטרעגליכע היץ נעמט אים ארום, עס שטיקט אים און ער קען קוים אטעמען. ער זעט רויך ארויסקומען פון דעם טיר און ער כאפט זיך, **"ס'ברענט א פייער אין הויז!"** די משפחה וואוינט אויפ'ן צווייטן שטאק, און מ'דארף ארויסשפרינגען פון פענסטער, נישטא קיין צייט צו טראכטן...

רבותי, **וועמען איז דער שניידער געלאפן ראטעווען צום ערשט?!** קודם איז דער טאטע געלאפן כאפן **זיין זון** אים ארויסשלעפן פון דעם ברענענדיגן הויז און אים ראטעווען, נאכדעם איז ער געגאנגען זען וואס **דער תלמיד** מאכט...

פרעגט רבי ישראל סאלאנטער, וואס איז פשט?! דעם זון האט ער דאך נישט ליב געהאט, ער האט אים פארשאפט אזויפיל צער, ווידער דער תלמיד איז געווען אזוי נאנט צו אים, ער האט אים אזוי ליב געהאט! **אויב אזוי פארוואס איז ער קודם געלאפן צום זון?!**

ענטפערט רבי ישראל סאלאנטער א מורא'דיגע תירוץ וואס לערנט אונז א געוואלדיגע פארשטאנד אין די טיפסטע קעמערלעך פונעם מענטש'נס מוח. די אהבה וואס איז דא פון א טאטע צו א זון, דאס איז איינגעבויט אין דעם מענטש, **דאס איז ממש איינגעווארצלט אין זיין מוח.** דאס איז אין זיין הינטער'ן באוואוסטזיין, און עס ווערט א חלק פון אים, צו ער ווייסט דערפון אדער נישט. עס קען זיין אז ווען ער טראכט מיט זיין באוואוסטזיניגע מוח, ברענגט אים זיין זון ארויף געפילן פון כעס, און ווען ער טראכט פון זיין תלמיד שפירט ער א מורא'דיגע אהבה. אבער **ווען ס'איז דא א פייער, איז נישטא קיין צייט צו טראכטן**. דער מוח טראכט נישט, נאר דער מענטש טוט אינסטינקטיוו וואס ליגט אים באמת אין הארצן. אין אזא צייט טוט נאר דער סאב-קאנשעס מוח פירן דעם מענטש, און **דערפאר וועט ער נאטורליך לויפן ראטעווען דעם זון, ווייל באמת האט ער מער ליב זיין זון!**

## ענדערש שטארבן ווי ארויסגיין לתרבות רעה ר"ל

די מעשה איז א מעשה שהיה וואס האט פאסירט אין רבי ישראל סאלאנטער'ס צייטן, אבער מיר קענען צולייגן אז די זעלבע מעשה טרעפט מען אין די **הייליגע תורה**. אין דער תורה שטייט אז אברהם אבינו האט פארטריבן ישמעאל, און ער האט אים געגעבן לחם וחמת מים - ברויט און א קריגל וואסער. זאגט רש"י דארט, אבער ער האט אים נישט געגעבן קיין בגדים און ער האט אים נישט געגעבן קיין געלט, "לפי שהיה שונאו" - ווייל ער האט אים פיינט געהאט. פארוואס? "לפי שיצא לתרבות רעה". **אברהם אבינו האט פיינט געהאט ישמעאל, ווייל ער איז אראפ פון ערליכן וועג.** ער האט אים ארויסגעווארפן פונדערהיים, און האט אים אפילו נישט מיטגעגעבן קיין געלט.

וויפיל מאל איז דא נעבעך א טאטע וואס האט א קינד אראפ פון וועג. דער טאטע וויל נישט זען דעם קינד, און מען מאכט מיט אים אזויפיל צער, אזויפיל עגמת נפש. די עלטערן קענען ממש פילן אז עס וואלט בעסער ווען דאס קינד וואלט חס ושלום נישט דא געווען, ווי עס ווערט געברענגט א מעשה אין די ספרים אז **ס'איז געקומען אמאל א פרוי צו דעם הייליגן רוזשינער און געוויינט.** איר קינד איז אראפ פון וועג, ער האלט נישט קיין אידישקייט, און זי בעט אז דער רבי זאל העלפן. וואס זאל דער רבי טון? **דער רבי זאל בעטן דעם אויבערשטן אז דאס קינד זאל שטארבן...**

און דער רוזשינער האט זיך דעמאלטס געגעבן א רוף אן, **"אוי, רבונו של עולם, קוק וואו ס'האלט.... א אידענע זאל וועלן אז איר קינד זאל שטארבן ווייל ער פירט זיך נישט ערליך."** האט ער דעמאלטס געטייטשט א פסוק אין תהלים, "היסופר בקבר חסדך אמונתך באבדון". זאגט דער רוזשינער, "היסופר" - איז שוין אמאל

פארצייכלט געווארן אזא זאך, אז "בקבר חסדך" – אז ס'זאל זיין א חסד אז א מענטש ווערט באגראבן? דאס געשעט נאר ווען "אמונתך באבדון", ווען מען פארלירט די אמונה.

על כל פנים, דאס איז א שווערקייט וואס מען קען זיך לייכט פארשטעלן אז **פאר יעדן ערליכן טאטע בלוטיגט דאס הארץ ווען עס פאסירט ביי אים אזא מעשה ל"ע** אז זיין קינד גייט ארויס לתרבות רעה. אוודאי און אוודאי אז ביים הייליגן צדיק אברהם אבינו האט דאס אים ווי געטון עד דכדוכה של נפש, און מען קען זייער גוט פארשטיין פארוואס ער האט אים פארשיקט פונדערהיים, נישט וועלנדיג ער זאל האבן א שלעכטע השפעה אויף יצחק.

## ער האט אים יא ליב אדער נישט?!

אז מען לערנט א פאר פסוקים שפעטער, זעט מען זייער א מערקווירדיגע זאך. ביים אנהייב פרשת העקידה, קומט דער רבונו של עולם צו אברהם און ער זאגט אים "קח נא את בנך". זאגט רש"י אז אברהם אבינו האט געענטפערט: "שני בנים יש לי", **איך האב צוויי קינדער – ישמעאל און יצחק, וועלכע פון זיי זאל איך נעמען?** זאגט אים דער אויבערשטער: "את יחידך" – **דיין בן יחיד'ל**. פארשטייט נישט אברהם ווייטער: "שניהם יחידים, זה יחיד לאמו וזה יחיד לאמו". זאגט אים דער אויבערשטער: **"אשר אהבת" – דער וועמען דו האסט ליב.**

דאכט זיך אז יעצט איז שוין נישט קיין שום ספק וועמען מען מיינט דא. אז דער אויבערשטער רעדט פון זיין באליבטן בן יחיד, אוודאי רעדט מען דא פון יצחק, און **נישט פון דעם אפגעפארענעם ישמעאל וועלכער גייט ברענגען אזויפיל צער און יסורים פאר כלל ישראל**. אבער אט הערט דעם ענטפער פון אברהם אבינו: "שניהם אהובים עלי", **ביידע האב איך ליב!**

**וואס הייסט ביידע האב איך ליב?** רש"י זאגט דאך קלאר אז ער האט אים פיינט געהאט, און מיר פארשטייען זייער גוט פארוואס. איז וואס זאגט ער יעצט אז ער האט ביידע ליב? ער האט פיינט געהאט ישמעאל, אדער ער האט אים ליב געהאט? מ'דארף פארשטיין אז ס'איז נישט געווען סתם א שמועס, אברהם אבינו האט גערעדט צום באשעפער אליין, און ער זאגט אים "ביידע האב איך ליב", **דאס איז נישט געווען דאמירן בעלמא, דאס האט אברהם אבינו געזאגט פאר'ן באשעפער אליין**, תורה הוא וללמוד אני צריך.

דער תירוץ איז די זעלבע זאך. אברהם אבינו האט א געוואלדיגע צער פון ישמעאל, און ווען מ'מאכט חשבונות וואס איז די טובה פון די משפחה, מ'וויל קלערן אויב ער מעג בלייבן אינדערהיים, האט ער פיינט געהאט ישמעאל בתכלית השנאה. ישמעאל איז "יצא לתרבות רעה". אבער ווען ס'איז דא א פייער אינמיטן די נאכט, **ווען דער אויבערשטער קומט און זאגט "נעם דיין זון און שעכט אים", זאגט אברהם אבינו "ביידע האב איך ליב!"** יעצט וועקט זיך אויף די טבעיות'דיגע אהבה פון טאטן צו קינד, און אויף דעם שטאפל פון אהבה האט ער ליב ביידע קינדער, ווייל **די דאזיגע אהבה איז אזוי טיף אז עס איז עפעס וואס מ'קען עס נישט אויסלעשן.**

## יעדער מענטש קען ארויסברענגען די פארבארגענע כוחות

לענינינו, נעמען מיר ארויס א טיפערע דערהער פון די אויבנדערמאנטע לימודים. דאס איז נישט בלויז אפגעלערנט א פסוק חומש, נאר מעשה אבות סימן לבנים, מיר דארפן דערפון ארויסנעמען עפעס וויכטיג פאר אונזער לעבן.

אסאך מאל מיינט מען אז **מען האט שוין פארלוירן די שליטה איבער זיך**. מען האט שוין אזוי ווייט אריינגעבאקן א געוויסע מידה אין זיך, צו ווייל מען איז אויפגעוואקסן אזוי און דאס צוגעזען אלע יארן, צו ווייל משום איזה סיבה האט מען זיך איינגעוואוינט זיך צו פירן אויף דעם אומריכטיגן וועג, צו ווייל מען איז דורכגעגאנגען א טיפע טראומע וואס האט געלאזט א שטארקע השפעה אויפ'ן מענטש, און מען האט זיך שוין מייאש געווען פון זיך צו קענען טוישן. עס לאזט זיך טראכטן – **יא, א פשוט'ע געוואוינהייט קען מען טוישן, אבער נישט עפעס וואס איז אזוי שטארק איינגעקריצט אין מוח.**

**דאס איז אבער דורכאויס פאלש! טיף אינעם מוח איז דא א ווינקעלע וואו עס שרייט ארויס "רוצה אני!"** אן ארט וואו דער מוח רופט אויס **"שניהם אהובים עלי!"** ווייל דאס איז עפעס וואס דער אויבערשטער האט אריינגעבויט אינעם מענטש, און קיינער קען דאס נישט ארויסנעמען. דער מענטש האט די מעגליכקייט ארויסצוגראבן טיף אין זיך און ארויסברענגען דעם טיפן אינסטינקט וואס קומט ארויס מכח אל הפועל ווען זיין באוואוסטזיניגע מוח ארבעט נישט, און דאן וועט ער איינזען אז **ער פארמאגט פארבארגענע כוחות וואס איינמאל דאס קומט ארויס, קען מען אפמעקן יארן פון געוואוינהייט.**

ווי אזוי באקומט מען אבער צוטריט צו דעם באהאלטענעם כח? וואס זענען די געצייג וואס מען דארף נוצן עס ארויסצוברענגען מן הכח אל הפועל? דאס וועלן מיר זען אין קומענדיגן גליון בעז"ה.

## משיבת נפש

**נקודות העולות מן המבואר:**

- **עס קען זיך אמאל דאכטן אז א זאך איז שוין צו טיף איינגעגראבן אינעם מוח עס צו טוישן.**
- ווען א איד זאגט "איך וויל" מיינט ער עס אמת'דיג, ווייל דאס איז זיין אמת'ע רצון.
- **דער שוואכסטער איד איז גרייט אויף מסירת נפש, ווייל דאס ליגט ביי אים טיף אין הארץ.**
- די באהאלטענע כוחות זענען שטערקער ווי סיי וועלכע סאב-קאנשעס וואס איז געווארן איינגעקריצט.
- **ווען עס קומט א מצב סכנה, למשל א פייער, וועט זיך אויפוועקן דער באהאלטענער אינסטינקט.**
- יעדער מענטש האט ליב זיין קינד טיף אין הארצן, אפילו אויב ער אליין ווייסט נישט דערפון.
- **ווען עס קומט צו שעכטן זיין קינד, האט אברהם אבינו ליב סיי יצחק אבינו און סיי ישמעאל.**
- טיף אינעם מוח איז ביי יעדן מענטש דא א בלאַץ פון וואו מען קען זיך שטארקן אויף די געוואוינהייטן.


נפשי ישובב
מסילות בנפש האדם
לקבלת הגליון והשיעורים, להערות והנצחות נא לפנות לכתובת מייל
office@nafshyyeshoveiv.org
קו השיעורים 718-400-7566 - בארץ ישראל: 077-850-9310